די ארבייטער וועלט

א אויסשטעלונג פון אידיש-סאציאליסטישער ליטעראטור אין וויען

אין די „ליטעראַרישע בלעטער" וועלכע ערשיינען אין ווארשע, איז אפגעדרוקט א בריעף פון וויען וועגען דער דאזיגער אויסשטעלונג, פון וואנען מיר ענטנעהמען עס.

רעד.

דאס פארבאנדס-ביורא פון די „פועלי-ציון" האט צו דער זיבעטער וועלט-קאנפערענץ איינגעארדענט אין וויען א גרויסע אויסשטעלונג פון ביכער, בראשורען, צייטשריפטען א. אז. וו., וואס האבען א שייכות מיט'ן סאציאליזם אויף דער אידישער גאס. מחמת פארשיידענע סיבות איז די דערמאנטע אויסשטעלונג ערשט איצט צוגענגליך פאר דער עפענטליכקייט, וועלכער עס ווערט דערמיט געגעבען א זעלטענע געלעגענהייט צו האבען אן איבערבליק איבער דער אידיש-סאציאליסטישער ליטעראטור פאר די לעצטע צוואנציג — פינף און צוואנציג יאהר.

די אויסשטעלונג איז ניט פולשטענדיג, הגם עס האבען צוגעשיקט מאטעריאלען א סך פאראיינען, ביבליאטעקען און פריוואטע פערזאנען, פון פארשיידענע ערטער אין אייראפא און אמעריקא, זי גיט אבער דאך א גאנץ קלאהרען באגריף פון די פובליציסטישע און ליטערארישע שאפונגען אויפ'ן געביט פון סאציאליזם און פאליטישער עקאנאמיע.

ביכער, — ביכער אינ'ם אייגענטליכען זין פון ווארט, אין אידיש מיט א סאציאליסטישען אינהאלט, באווייזען זיך ערשט שפעטער, ווען דער אידישער סאציאליזם האט דורכגעמאכט זיינע ערשטע און שווערסטע אנטוויקלונגס-שטאפלען. לכתחילה זענען נאר געווען קליינע פלוגשריפטען, בראשורען וואס האבען אריינגעפיהרט דעם סאציאליזם צום אידישען ארבייטער: אכט, אדער צוועלף זייטיגע בראשורקעס, געדרוקט אויף זעהר דינעם פאפיר, געדריבט מיט גאנץ קליינע אותיות'לעך, וועלכע דער „בונד" האט ארויסגעגעבען אין שווייץ, און וואס זענען געווען באשטימט צום איבערשמוגלען אויף אן אומלעגאלען וועג קיין פוילען, ליטע און רוסלאנד. אחוץ דער דאזיגער „טרוקענער" פראפאגאנדע-ליטעראטור זענען פאראן נאך אנדערע: אלעגארישע אויפקלעהרונגס-בראשורען, ווי „די מעשה פון פיער ברידער", און א בראשור אונטער'ן נאמען „פטר דעם חמץ", א מין הגדה, — פראלעטאריש-סאציאליסטיש אויסגעטייטשט. דא האט מען זיך גערעכענט מיט די חדר'שע קענטעניסען פונ'ם לייענער, ווייל בדי זיך קענען דאס ריכטיג אנשטויסען... האט מען גוט געמוזט קענען די הגדה.

אויך די איבעריגע ביכער, אפילו די וואס זענען שוין ערשינען אין רוסלאנד נאך דער רעוואלוציע פון 1905, זענען אין כמות אויך ניט געווען קיין סך גרעסער. מען האט זיך באנוגענט מיט קליינע היים-אטעמדיגע געשריבענע ביכלאך, באַרעכענט פאר'ן איילענדיגען, האַרעפאשנעם לייענער, אויף וועלכען זיי האבען נאך אפשר געווירקט שטארקער ווי א גרויס בוך. פון יענער צייט איז פאראן א גאר אינטערעסאנטע בראשורע פון ש. ניגער, א. ד. ט.: „וואס איז אזוינס דער אידישער ארבייטער"? ארויסגעגעבען פון די ס. ס. (ווילנע).

א ווערק פון א גרעסערען פארנעהם איז דאס בוך „דער אידישער ארבייטער" פון די ס. ס. (ווילנע 1906) פונ'ם באקאנטען סאציאל-פאליטיקער יעקב לעשטשינסקי. דאס בוך שטיצט זיך אויף גרינדליכע סטאטיסטישע מאטעריאלען און איז דערפאר געבליבען דער פונדאמענט פאר די ווייטערדיגער פארשונגען וועגען דער אידישער ארבייטער-פראגע.

איבערהיפענדיג א געוויסע צאהל ביכער פון א מינדערוויכטיגער באדייטונג, לוינט זיך צו דערמאנען איינס פון די וויכטיגסטע ביכער, וועלכע דער „בונד" האט געווידמעט דער אידישער ארבייטערשאפט: „די אידישע עמיגראציע", פון ל. הערש. דאס ווערק איז קודם ערשינען אין א פראנצויזישער אויסגאבע, אבער ווי דער מחבר זאגט אין דער הקדמה, איז די אידישע אויסגאבע דער אריגינאל, און די פראנצויזישע אויסגאבע איז אן איבערזעצונג פון אידיש מיט אייניגע צוגאבען, וואס זענען פאר'ן אידישען לעזער לגמרי איבעריג.

פון דער ערשטער צייט שטאמט אויך אן אינטערעסאנט בוך געדיכטען „בלומען און פונקען" (ווילנע 1906) מיט דער באטייליגונג פון מארים ווינטשעווסקי, א. ליעסין, עדעלשטאט, מארים ראזענפעלד, רייזען, פרץ, פינסקי און פרוג. פארשטעהט זיך אז די לידער זענען בלויז פראלעטאריש-סאציאליסטיש. גלייכצייטיג דערמיט הויבען אן צו ערשיינען די פארשיידענע מינים ארבייטער-קאלענדארען: „דער ארבייטער-קאלענדאר" (א זאמעלבוך פאר ארבייטער אינטערעסען), ארויסגעגעבען אין ווארשע 1906, און שפעטער אויך אנדערע זאמעלביכער, צ. ב. „די נייע צייט", וואס ערשיינען עטליכע מאל אין יאהר.

די אנדערע אידישע סאציאליסטישע פארטייען, באזונדערס די „פועלי-ציון" זענען פארטראטען מיט נאר א קליינער צאהל ביכער, דערפאר אבער איז זעהר רייך דער צווייג פון די פארשיידענע צייט-שריפטען.

אין בערלין איז אין 1903 ערשינען „דער המון", ארויסגעגעבען פון דער ציוניסטיש-סאציאליסטישער ארגאניזאציע „חירות" (אנפיהרער ד"ר. נחמן סירקין) מיט'ן פראגראם: „צו זיין א קריטישע ארגאן צו באלייכטען אללע פראגען פון דעם ציוניזם, פון פרייהייטליכען, פארשריטליכען שטאנדפונקט און נאך די אינטערעססען פון דעם המון" (פון דער הקדמה צום ערשטען העפט, אפריל 1903) דערביי איז אינטערעסאנט צו זעהן דעם אידישען אויסלייג, וועלכען עס האבען דעמאלט באנוצט אפילו די סאציאליסטען...

אין לעמבערג הויבט אן אין דערזעלבער צייט צו ערשיינען דער „אידישער ארבייטער", וואס האט געפרעדיגט דעם רעוואלוציאנערען פועלי-ציוניזם. דער דאזיגער ארגאן האט גרויסע פארדינסטען ניט בלויז פאר דער פראפאגאנדע פון סאציאליסטישע אידעען צווישען דער גאליציש-אידישער באפעלקערונג, נאר אויך פאר זיין גרויסען קולטורעלען און ערציהערישען ווערט. זייענדיג א פרייע טריבונע פאר א רייהע אידישע דיכטער און שרייבער. ש. י. אימבער, א. מ. פוקס, מלך ראוויטש האבען אין „אידישען ארבייטער" געדרוקט זייערע ערשטע זאכען. מען באגעגענט דארטען אפילו דעם באדייטענדיגען העבראישען נאוועליסט ג. שאפמא.

שפעטער אביסעל, 1905, ערשיינט אין לעמבערג „דער אידישער סאציאל-דעמאקראט", דער ארגאן פון די „זש. ס. ס.", וועלכע האבען זיך ערשט א סך שפעטער פאראייניגט מיט'ן „בונד". דאס איז געווען זעהר א מאגערע מאנאטשריפט, ארעם אין אינהאלט ביז גאר, עס איז פון איהר שפעטער טאקע געווארען א קליין וואכענבלעטעל.

אויף דער דאזיגער אויסשטעלונג זענען אויך פארטראטען אידיש-סאציאליסטישע פארטייען, וואס זיי אליין עקזיסטירען שוין לאנג ניט, — זיי געהערען שוין צו דער געשיכטע, אבער איבערגעלאזען האבען זיי נאך זיך א גאר אינטערעסאנטען מאטעריאל, וואס איז זעהר וויכטיג פאר'ן פארשער פונ'ם אידישען סאציאליזם.

אינטערעסאנט איז די „פראלעטארישע וועלט" (א פאפולער-וויסענשאפטליכע מאנאטשריפט) ביי דער נאהענטער מיטארבייט פון פיליפ קראנץ און ב. פיינענבוים. זי איז ערשינען אין 1907 אין ווילנע, און זיך מייש אפגעגעבען מיט'ן אלף-בית פונ'ם סאציאליזם. פון דער זעלבער ארט איז געווען די וואכענשריפט „די אידישע ווירקליכקייט" (ווילנע 1906), אפגעבענדיג גלייכצייטיג א גרעסערען פלאץ פאר ליטעראַרישע זאכען.

די אידישע סאציאליסטען האבען די גאנצע צייט געשאנקען גרויס אויפמערקזאמקייט דער אידיש-פראלעטארישער יוגענט-באוועגונג. עס זענען דא פארטראטען א רייהע יוגענט-צייטשריפטען פון פארשיידענע שטעדט, באזונדערס פון גאליציע. אם כאראקטעריסטישען איז די צייטשריפט „די אידישע ארבייטער-יוגענט" („פאר די אינטערעסען פון די אידישע לערנאינגלאך און פראקטיקאנטען") הייסט עס דארט אינ'ם אונטערקעפעל. דאס דאזיגע ארגאן איז ערשינען אין לעמבערג עטליכע יאהר אונטערבראכען: „דער נייער דור" לעמבערג (1912) איז געווען דער ארגאן פון דער שטודירענדיגער סאציאליסטישער יוגענט.

איך וועל איבערהיפען די איבעריגע ליטעראטור, וואס איז דא אויסגעשטעלט, סיי פונ'ם „בונד" און פועלי-ציון, סיי פון די צוגעקומענע אידיש-סאציאליסטישע פארטייען, ווי „צעירי-ציון", „הפועל-הצעיר", „אחדות-העבודה", א. א. וו., ווייל זי איז איעדען, מחמת איהר שפעטערדיגען ערשיינען, גוט באקאנט. אויף דער אויסשטעלונג זענען פאראן כמעט אלע אויסגאבען פון די ערשיינונגען און מען האט אזוי ארום א פולשטענדיגען איבערבליק. איך וויל בלויז נאך דערמאנען מיט א פאר ווערטער די איבערזעצונגען אין דער אידיש-סאציאליסטישער ליטעראטור.

זיי זענען אויסגעלייגט אין א באזונדערען צימער און מען וואונדערט זיך, ווי רייך פארהעלטניסמעסיג דער דאזיגער צווייג איז פארטראטען אין דער אידישער שפראך. קודם-כל קומען: מארקס, לאסאל, ענגעלס, קויטסקי, א. אז. וו. א באזונדער הערליכע אויסגאבע אין אידיש איז פאראן פון מארקס „קאפיטאל" (איבערזעצט פון דר. מעריסאן). א מענגע ביכער און בראשורען וועגען „שכירות", „די יסודות פון פאליטישער עקאנאמיע", קאנסום-פאראיינען, קאאפעראטיווען, ארבייטער-פארזיכערונגען א. אז. וו., געשיכטעס פון דער פראנצויזישער רעוואלוציע א. אז. וו.

און ווען איך דערמאן נאך די רייך פארטראטענע מעמוארען-ליטעראטור (מעדעם, מיכאלעוויטש, דייטש, מארטאוו, ראזענבאום, א. אז. וו.) קאן מען ארויסדרינגען, וועלכען גרויסען נוצען און גייסטיגען פארגעניגען די דאזיגע אויסשטעלונג ברענגט סיי א אידישען סאציאליסט, סיי איעדען, וואס האט וואס עס איז פאר א באציהונג צום געדרוקטען אידישען ווארט.

י. טיגער.

ארבייט פאר 15.000 נייע ארבייטער אין ארץ ישראל

ירושלים, (א. י. ק.).

א גענויע אונטערזוכונג, וועלכע איז געמאכט געווארען פון דער היגער ציוניסטישע עקזעקוטיווע, און וואס אנבאלאנגט די פאדערונגען פאר אידישע ארבייטער, האט ארויסגעבראכט דעם פאקט, אז דיזען ווינטער וועט דא זיין ארבייט און באשעפטיגונג פאר איבער 15,000 נייע איינוואנדערער.

צווישען די פראיעקטירטע ארבייטען איז דאס בויען 50 נייע הייזער אויף דעם „הדר-הכרמל", און 30 אין „בת-גלים", ביידע אידישע פארשטעדט אין חיפה; אויך אין די 3 אידישע פארשטעדט אין ירושלים, „בית-הכרם", „תלפיות" און „רחביה", וועט זיין בוי-ארבייט אין דער אלגעמיינער סומע פון 22,000 פונט.

וועהרענד די בוי-ארבייט אין תל-אביב, וועלכע האט ביז איצט ארומגענומען א שטח פון ביז 24,000 קוואדראט מעטער אין מאנאטליכע דורכשניט, וועט שוואכער ווערען, וועלען דאך נאך פיעלע ארבייטער זיין דארט באשעפטיגט אויף דיזען געביעט. עס וועלען נאך אויך געפאדערט ווערען פיעלע ארבייטער פאר דער דרענאזש-ארבייט, וועלכע די פיק"א פראיעקטירט נעבען יפו, און פאר דער רוטענבערג-אונטערנעהמונג.

אינטערעסאנט איז דער פאקט, אז וועהרענד 47% פון די דערמאנטע צאהל ארבייטער וועלען דארפען חיפה און דער עמק, וועט תל-אביב דארפען ניט מעהר ווי א זיבען פראצענט.

עס ווערען אויך פארלאנגט 40 פאמיליען — צו באזעצען זיך אין דער קאלאניע פון די רומענישע אידען, 25 — אין דער קאלאניע פון די בוקאווינער אידען, 25 — אין דער קאלאניע פון קאווקאזער אידען, אייסער נאך הונדערט ערפאהרענע אגריקולטורעלע פאמיליען, פאר די אנדערע אידישע ישובים, אבער אזעלכע, וואס באזיצען עטוואס אייגענס.

קוויבעקער ארבייטער פארדאמען קאמוניסטען

ביי דער פראווינציעלער קאנווענשאן פון דער קענעדער ארבייטער פארטיי וואס איז אפגעהאלטען געווארען אין קוויבעק, איז איינשטימיג אנגענומען געווארען א רעזאלוציע פארבאטענדיג קאמוניסטען צו אריינטרעטען אין די רייהען פון דער פארטיי און מ'זאל אויך באזייטיגען אזעלכע מיטגלידער וועלכע זענען באקאנט מיט זייערע קאמוניסטישע טענדענצען.

נאך א רייהע רעזאלוציעס וועלכע וועלען איבערגעגעבען ווערען צו דער פעדעראלער און פראווינציעלער רעגירונג זענען אנגענומען געווארען, צווישען וועל- [illegible]

א רעזאלוציע צו פראטעסטירען געגען דאס באשרענקען אימיגראנטען וואס זענען פאראינטערעסירט אין דער ארבייטער באוועגונג צו אריינקומען קיין קענעדע; א רעזאלוציע געגען קינדער-ארבייט; א רעזאלוציע וואס דריקט אויס פארדרוס פאר דאס לערנען קינדער מיליטערישע מאנעווערס אין די סקולס און די רעזאלוציע פארלאנגט פון דער רעגירונג אז דיזע מאנעווערס זאלען אפגעשטעלט ווערען; א רעזאלוציע פאר אן אכט-שטונדיגען ארבייטס-טאג און פינף טעג אין דער וואך, און א רעזאלוציע פארדאמענדיג דעם פאשיזם און אנבאטענדיג הילף פאר אן אנט-פאשיסטישער באוועגונג.

זאגט, אז פארפאלגען קאמוניזם איז נאריש און געפעהרליך

פראפעסאר סי. פ. פעי, פון דעם דעפארטמענט אף עקאנאמיקס אין דעם טאראנטאר אוניווערזיטעט, האט אין זיינער א רעדע וואס ער האט געהאלטען אין קאנוואקיישאן האל, זיך אויסגעדריקט, „אז צו קעמפען מיט'ן קאמוניזם איז נאריש און געפעהרליך".

— עס איז נאריש דערפאר, האט ער געזאגט, וואס דער קאמוניזם קריגט דורך דעם אומזיסטע פובליסיטי, און געפעהרליך איז עס דערפאר, ווייל עס קען האבען א ניט גינסטיגע ווירקונג אויף די ווירקליכע פראבלעמען.

ער האט אויך אויפגעציינט אז די אורזאכען וואס האבען געבראכט די קאמוניסטען צום רודער אין רוסלאנד, קענען אין ענגלאנד אדער אין קענעדע ניט גילטען.

מארגען א פארזאמלונג פון אלע ארבייטער רינג מיטגליעדער

מארגען, פרייטאג אווענט, וועט אין לייבאר לייסעאום פארקומען א וויכטיגער מיטינג פון אלע ארבייטער רינג מיטגלידער, צו וועלכען עס קומט אויך א פארטרעטער פון נאציאנאלען אפיס אין ניו יארק. וועגען וואס דער מיטינג איז איינגערופען געווארען איז דערווייל נאך ניט באוואוסט, אבער עס האנדעלט זיך וועגען א זעהר וויכטיגע פראגע, און אלעם מיט'ן קאמף צווישען די רעכטע און לינקע אין דער ארגאניזאציע.

די היגע סיטי קאמיטע איז שוין רעארגאניזירט געווארען און באשטעהט פון 17 מיטגלידער, אבער ווי מען גיט אונז איבער, סאבאטאזשירען די לינקע די ארבייט, און זיי האבען באשלאסען ניט אנצונעהמען אין קיין קאמיטע אויס פראטעסט, וואס מען לאזט זיי ניט צו אין דעם ארגאניזאציאנס-קאמיטעט.

די סיטי קאמיטע האט ערוועהלט פאלגענדע בעאמטע: א. ריבאי, טשערמאן; מ. דעסער, סעקרעטאר; און פ. ברומהארין, פראטאקאל סעקרעטאר.

די פינאנץ-קאמיטע האנדעלט יעצט אויך וועגען א פלאן ווי אזוי צו סעטלען די חובות פונ'ם ארבייטער רינג.

רודאלף ראקערס זונטאגדיגע לעקציע

א גרעסערער עולם ווי ווען עס איז פריהער איז זונטאג געקומען צו דער לעקציע פון רודאלף ראקער אין סטענדערד טעאטער איבער „די זעקס כאראקטערען אין דער וועלט ליטעראטור".

שבת אווענט איז אויך פארגעקומען א ראקער באנקעט אין דער פרץ שול.

פארבאנד קולטור קאמפיין דעם פופ-צעהנטען דעצעמבער

די מיטגלידער פון פארבאנד גרייטען זיך דורכצופיהרען א קולטור קאמפיין היינטיגען ווינטער, אנהויבענדיג דעם 15-טען דעצעמבער מיט א גרויסארטיגען באנקעט, צו וועלכען עס ווערען ספעציעל געבראכט די שריפטשטעלער דוד פינסקי און יואל ענטין.

דער קאמפיין איז פאר'ן שולען און קולטור פאנד פאר די פאלקס שולען באוועגונג איבער אמעריקא און קאנאדע.

דער קולטור קאמיטעט פון פארבאנד וועלכער באשטעהט פון מ. קרעמער, י. הערמאן, מיט ל. קאלדראווסקי אלס פארזיצענדער, פיהרען שוין אן א סיסטעמאטישער קולטור טעטיגקייט אין פארבאנד.

יעדען דאנערשטאג אווענט, ווערט אין פארבאנד הויז געגעבען א פרייע לעקציע איבער פילאזאפיע געהאלטען פון א. ב. בענעט. די לעקציעס ווערען גוט באזוכט פון א רייהע פאראינטערעסירטע פערזאנען, און קומענדע וואך הויבען זיך אן פרייע קורסען איבער „אידישע געשיכטע", „פאליטישע עקאנאמיע", און „דער וועג צו בילדונג".

די קורסען זענען דער אנפאנג פון א „פאלקס אוניווערזיטעט" וועלכען מען פלאנעוועט איינצופיהרען אין פארבאנד אינסטיטוט.

פאר די ברענטשעס איז צוגעגרייט געווארען א רייע פראגען איבער וועלכע די מיטגלידער וועלען דארפען דיסקוטירען ביי די פארזאמלונגען.

מיטגלידער פון די ברענטשעס וועלען איינלייטען איבער א רייהע פראגען וועלכע זענען אנגעווארפען געווארען פון קאמיטעט, און די פארזאמעלטע וועלען וועגען זיי דיסקוטירען.

ד"ר. זשיטלאווסקי יובילעאום — דעם 31 יאנואר

דער גענויער דאטום ווען ביי אונז אין שטאדט וועט פארקומען דער זשיטלאווסקי יובילעאום, איז שוין באשטימט, דאס איז זונטאג דעם 31-טען יאנואר 1926.

דער יובילעאום קאמיטעט, מאכט איצט אלע פארבארייטונגען אז די פייערונג זאל זיין אן אמת'ער פאלקס יום-טוב. דער גרויסער סטענדערד טעאטער איז גענומען געווארען פאר דעם צוועק, און עס ווערט אויך ארויסגעגעבען א ספעציעלער יובילעאום סאוועניר.

אויף זונטאג נאכמיטאג איז איינבארופען א פארזאמלונג פון קאמיטעט, וואס וועט פארקומען אין דער פרץ שול אויף בעווערלי סטריט.

עפענען אן ארבייטער אוניווערזיטעט אין וויען

די עסטרייכישע סאציאל-דעמאקראטישע פארטיי האט באשלאסען אויף דעם געלט, וואס די פארטיי האט באקומען פון פארקויפען די גרויסע קאאפעראטיווע בעקעריי, צו עפענען אין וויען אן ארבייטער אוניווערזיטעט. דער אוניווערזיטעט וועט זיך עפענען אין יאנואר, 1926. אלס סטודענטען אין אוניווערזיטעט וועלען אריינגענומען ווערען פרויען און מענער, וואס וועלען רעקאמענדירט ווערען פון דער פארטיי, פון די יוניאנס און קאאפעראטיוון. דער לעהרע-קורס וועט דויערען זעקס מאנאטען. די סטודענטען וועלען פאר דער גאנצער צייט פון זייער לימוד אויסגעהאלטען ווערען מיט אלעם פון דער פארטיי אין דער אייגענער היים פון דעם אוניווערזיטעט. אין דער פארוואלטונג פון אוניווערזיטעט געהען אריין צוגלייך מיט די פארשטעהער פון דער סאציאל-דעמאקראטישער פארטיי אויך פארשטעהער פון די יוניאנס און קאאפעראטיוון.

א גאסט ביי די שניידער

די היגע מענער שניידער האבען היינטיגע וואך געהאט א גאסט — פרעזידענט הילמאן, וועלכער האט זיך לעצטענס צוריקגעקעהרט פון רוסלאנד.

„איך קען זיך איינפאך ניט באגעהן אהן מיין עלעקטרישען וואשער"

פרעגט יעדע פרוי וואס האט אן עלעקטריק וואשער אויב זי קען זיך באגעהן אהן דעם. פרעגט איהר אויב זי וואלט געוואלט געהן צוריק צו דער אלטער וואש מעטאדע.

אפילו ניט איין פרוי צווישען טויזענט וואלט אויפגעגעבען איהר עלעקטרישען וואשער. פארוואס?

ווייל עס שפארט איין ווערטפולע שטונדען, אין ס'שפארט איין אייסמאטערענדע ארבייט און עס פארקלענערט אויך דאס געוועהנליכע אפנוצען פון די וועש, ווייל די עלעקטרישע וואשערס ארבייטען לייכט און מילד.

די הידרא שעפער אדער אייער עלעקטרישער דילער קען צייגען א סך סארטען פון וואשערס. אייניגע זענען פון א וועיקאום סארט, אנדערע זענען באקאנט אלס סילינדער סארט און „אסקילייטארס". איין סארט האט ניט קיין „טאב", ס'ווערט גענוצט אויף אייערע איצטיגע לאונדרי טאבס. דיעזע האבען עלעקטרישע אפגעדרייטע אויסקוועטשערס, אויסער איינער, וואס טריקענט די קליידער דורך אויסקוועטשערס זיי אין א „פערפארייטעד טאב".

עס קאסט ווייניגער ווי 2 סענט עלעקטריסיטי צו לאזען ארבייטען א וואש-מאשין א שטונדע. יעדער פון די טאראנטא היידרא שאפס וועט זיין צופרידען צו צייגען אייך די פיטשורס פון יעדע פון די עלעקטרישע וואשערס און ער וועט אייך דערצעהלען ווי לייכט עס איז צו קויפען איינעם פון די היידרא סארטען.

184

פאר סינכס און דרעינס

אייער רייניגונגס בארשט קען עס ניט דערלאנגען אבער קאמפארט לאי וועט —

לאזט קאמפארט לאי אויסרייניגען אייערע סינקס, פייפס דרעינס, לאנדרי טרעפס און קלאזעט שיסלען. עס טוט די ארבייט אליין. נוצט עס יעדע וואך. פארשפארט די אונאנגענעהמליכקייט פון פארלייגטע דרעינס און שפארט פלאמבער בילס.

נוצט קאמפארט לאי צו רייניגען, דיזענפעקטיצירען און נעהמט אוועק דעם ריח פון מיסט קעסטלאך און לאזט פאנאנדער אלטע שמוץ און פעטס איבעראל. נעהמט א „טין" היינט.

קלייבט די לייבעלס און שרייבט נאך א פרעמיום קאטאלאג.

COMFORT SOAP CO., TORONTO 11

דער אריגינעלער פלייק לאי